בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון כ"ב

פרשת ואתחנן - נחמו תשפ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שְׁנַת תשפ"ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### דָא לִיגְט זַיין הַצְלָחָה!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מַמְשִׁיךְ: נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף ווִיסְן, אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אַ מְלַמֵּד: 'אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצֶע כִּתָּה אוֹיסְגֶע'שׁוּרָה'ט ווִי אַ חֵיִת, יֶעדֶער אֵיינֶער הַאלְט מִיט, אוֹיסֶער אֵיין קִינְד, דֶער קִינְד אִיז יֶעדְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע קַשְׁיוֹת, שְׁטוּתִים אוּן בֶּעבִּי'שֶׁע זַאכְן, הַלְוַאי זָאל דֶער קִינְד מֶער נִישְׁט קוּמֶען דִי גַאנְצֶע יָאר אִין חֵדֶר'... - זָאל עֶר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דָאס סְפֶּעצִיעֶל, יֶעדֶעס יָאר אִיז דָא כָאטְשִׁיג אֵיין תַּלְמִיד מִיט וֶועם מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אוּן דֶער מְלַמֵּד וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָא לִיגְט זַיין הַצְלָחָה!

וֶוען אַלֶעס גֵייט גְרִינְג אִיז עֶס דָאךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט; דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְלַמֵּד אִיז צוּ נִיצְן זַיין שֵׂכֶל, וֶועגְן אוּן מֶעסְטְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן צוּ אַלֶע סָארְט קִינְדֶער. וֶוען אַ קִינְד פְרֶעגְט אַ נַארִישֶׁע קַשְׁיָא, דַארְף דֶער מְלַמֵּד זַיין גֶענוּג קְלוּג צוּ כַאפְּן וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיט אִים, אוֹיבּ עֶר ווִיל סְתַּם שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה - דַארְף מֶען אִים הֵייסְן אַרָאפּ לֵייגְן זַיין הַאנְט, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ נַארִישׁ קִינְד וָואס וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען נִישְׁט פְרֶעגְן אַזֶעלְכֶע סָארְט קַשְׁיוֹת, וֶוענְדְט זִיךְ צִי דִי קְלַאס גֵייט לַאכְן פוּן אִים, אוֹיבּ יָא - דַארְף מֶען עֶס פַארְווִישְׁן אוּן פַארְוַואסֶערְן, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, אוֹיבּ גֵייט עֶר נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט - זָאל מֶען אִים עֶנְטְפֶערְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס גֶעדוּלְד, מִיט הִלֵּל'ס גֶעדוּלְד.

### הִלֵּל'ס גֶעדוּלְד

ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לא.), צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט צְווִישְׁן זִיךְ וֶועם עֶס וֶועט גֶעלוּנְגֶען אוֹיפְצוּרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא הִלֵּל הַזָּקֵן וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער אִים דַארְפְן גֶעבְּן פִיר הוּנְדֶערְט זוּז. עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב שַׁבָּת, הִלֵּל הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זִיךְ אַרוּמְוַואשְׁן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אִיז אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵּל'ס הוֹיז אוּן גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר, הִלֵּל הָאט זִיךְ צוּגֶעדֶעקְט, אוּן אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן: "**וָואס ווִילְסְטוּ?**" זָאגְט עֶר: "**אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, פַארְוָואס הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן בָּבֶל רִינְדֶעכִיגֶע קֶעפּ?**" הָאט הִלֵּל גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד: "**דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע שְׁאֵלָה, דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דָאס גֶעשֶׁעט בִּשְׁעַת זֵיי וֶוערְן גֶעבּוֹירְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע הֵייבַּאמְס**", אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער קוּמְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אוּן פְרֶעגְט: "**פַארְוָואס הָאבְּן דִי טְשֵׁיינִיזֶע מֶענְטְשְׁן פְלַאכֶע אוֹיגְן?**" הָאט הִלֵּל אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד: "**וַוייל זֵיי וואוֹינֶען צְווִישְׁן זַאמְד, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט זֵיי זָאלְן הָאבְּן פְלַאכֶע אוֹיגְן כְּדֵי דִי זַאמְד זָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דִי אוֹיגְן**", עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ שָׁעָה, קוּמְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אוּן פְרֶעגְט פוּן הִלֵּל: "**פַארְוָואס הָאבְּן דִי אַפְרִיקַאנֶע מֶענְטְשְׁן פְלַאכֶע פִיס?**" הָאט אִים הִלֵּל ווִידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט גֶעדוּלְד: "**וַוייל דִי עֶרְד אִין אַפְרִיקֶע אִיז זֵייעֶר נַאס, עֶס אִיז פוּל מִיט בְּלָאטֶע, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער סְפֶּעצִיעֶל גֶעמַאכְט זֵיי זָאלְן הָאבְּן בְּרֵייטֶע פִיס, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַיינְזִינְקֶען אִין דִי בְּלָאטֶע**". עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר הָאט עֶטְלִיכֶע מָאל פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּרֶעגְן הִלֵּל, אוּן הִלֵּל הָאט אִים יֶעדֶעס מָאל גֶעעֶנְטְפֶערְט אָן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט הִלֵּל: "**דוּ בִּיסְט הִלֵּל?! וֶועגְן דִיר הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן פִיר הוּנְדֶערְט זוּז!**"

[עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בַּאמֶערְקְן, אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָ"א'ש אִין צִימֶער, וֶוען מוֹהֲרָ"א'ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון. אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַזַא שְׁאֵלָה: מוֹהֲרָ"א'ש זָאגְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן טְרֶעטְן פוּן אַנְדֶערֶע, אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל סְתַּם פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ, עֶר זוּכְט צוּ שְׁטֶערְן אוּן וואוּ עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן, זָאל מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אִים אוּן אַוֶועק שִׁיקְן, אוּן דָא - פְרֶעג יֶענֶער - זֶעט מֶען אַז הִלֵּל הַזָּקֵן הָאט נִישְׁט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט, עֶר הָאט יָא גֶעעֶנְטְפֶערְט? מוֹהֲרָ"א'ש דְרֵייְדְט זִיךְ אוֹיס צוּ מִיר אוּן זָאגְט: "**עֶר פְרֶעגְט גוּט! עֶר פְרֶעגְט גוּט!**" מוֹהֲרָ"א'ש אִיז אַרַיין אִין אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אַז עֶס וֶוענְדְט וָואס אוּן וֶוען, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל ווִיסְן וֶוען יָא צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן וֶוען נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן. מוֹהֲרָ"א'ש הָאט יֶענֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, חֵלֶק י', מִכְתָּב אֶלֶף קעג].

## • מֶען רֶעדְט צוּם וַואנְט

### אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ אִים

מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'הַלְוַאי גֵייט דֶער קִינְד אַהֵיים', עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְט: 'וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען דָאס אִיז מַיין קִינְד?' וֶוען מַיין קִינְד וָואלְט גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוער קִינְד, וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ אִים, אִיךְ וָואלְט גֶערֶעדְט צוּ אִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. מֶען דַארְף אַלְץ גֶעדֶענְקֶען אוּן גְלֵייבְּן, אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אַ קִינְד גֵייט אַרַיין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן!

### אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים

אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, וֶועל אִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט אַ שֵׁיינֶע חִיזּוּק. נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה, אִיז אֵיינֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר זָאגְט מִיר: אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אַ שֵׁיינֶע חִיזּוּק פוּנֶעם יְרוּשָׁלַיִם'עֶר רָב, רֶבִּי יוֹסֵף צְבִי דוּשִׁינְסְקִיא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "**כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ**", וֶוער עֶס לֶערְנְט מִיט תַּלְמִידִים אִיז דָאס אַזוֹי ווִי זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דֶער פְּשָׁט אִיז, זָאגְט עֶר מִיר אַ נֵייעֶ שֵׁיינֶע פְּשַׁט, אַסַאךְ מָאל שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אִין הִימְל אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל לַיידְן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט אַ קִינְד, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט זֵיי, וֶוערְן זֵיי פַארְרֶעכְנְט אַזוֹי ווִי דַיינֶע קִינְדֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מֶער נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער!

# שִׁעוּרִים אִין חִינּוּךְ
המשך

פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, שְׁנַת תשפ"ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

פַּאר מִיר אִיז עֶס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק, וַוייל קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן אַוֶעק גֵיין פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווִיפִיל מַעֲשִׂיּוֹת מֶען הֶערְט לֵיידֶער פוּן קִינְדֶער וָואס פַאלְן אַוֶעק. דֶערְפַאר אַז עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מוּטְשֶׁען מִיט אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ שׁוֹין מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי ווִי מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער.

### אַ פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁמֵייכְל

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים; לֵייגְט אַרַיין הַארְץ אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִין דִי קִינְדֶער, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט אוֹיף וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְד אַ גוּט וָוארְט, אִיר קֶענְט נִישְׁט ווִיסְן וָואס טוּט זִיךְ אִינֶעם קָאפּ פוּן אַ קִינְד אוּן מִיט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁמֵייכְל, מִיט אַ גוּט מָארְגְן, מִיט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, רַאטֶעוֶועט מֶען דָאס קִינְד!

### פַאלְשֶׁע גֶעמַאכְטֶע קָאמְפְּלִימֶענְט'ס

וֶוען אִיךְ רֶעד פוּן גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן פַאלְשֶׁע גֶעמַאכְטֶע קָאמְפְּלִימֶענְט'ס, אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶכְטֶע קָאמְפְּלִימֶענְט'ס - עֶנְדֶערְשׁ גֶעבּ נִישְׁט. פַאלְשֶׁע וֶוערְטֶער הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם. מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען, עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֶעקְן אִין הַאלְז!

אַ קִינְד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט יָארְן צוּרִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִּילְטֶער קִינְד, אוּן אֵיינֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: **"וַואוּו, דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעפַאלְן! דוּ זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי אוֹיסְגֶעדַארְט!"** - עֶר פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס ווִיל עֶר פוּן מִיר?! עֶר ווִיל סְתָּם חוֹזֶק מַאכְן פוּן מִיר? אִיךְ וֵייס סַיי ווִי אַז עֶר מֵיינְט עֶס נִישְׁט אֶמֶת'דִיג"**.

### מֶען קֶען טוֹישְׁן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ

גֶעבְּט פָּשׁוּטְ'עֶ גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: **"וֶוען אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן דַיין טַאטֶע וֶועל אִיךְ אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע גְרוּס אוֹיף דִיר"**. מִיט אַ גוּטֶע גְרוּס קֶען מֶען טוֹישְׁן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ; אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אַז עֶלְטֶערְן קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן אַ קִינְד, וַוייל טַאטֶע מַאמֶע טְרַאכְטְן אוֹיפְ'ן קִינְד אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים. אוּן אַסַאךְ מָאל גֶעשֶׁעט אוֹיךְ אַז קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל זֵיי טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ נֶעבֶּעכְדִיגֶע עֶלְטֶערְן'.

אָבֶּער אַז אִיר זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: **"דוּ הָאסְט זֵייעֶר ווָאוּילֶע עֶלְטֶערְן"**, **"זֵיי זֶענֶען אֶמֶת'דִיגֶע פֵיינֶע מֶענְטְשְׁן"**, טְרַאכְט שׁוֹין דָאס קִינְד: 'אָהָ, אִיךְ הָאבּ יָא פֵיינֶע עֶלְטֶערְן!' אוּן פַארְ'ן טַאטֶע'ן זָאגְט מֶען: **"דַיין קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל גוּט"**, הֵייבְּן בֵּיידֶע אָן צוּ הַאלְטְן אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן, אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ, אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

# חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים נָאכְ'ן פָאְרלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, בְּיוֹם י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין הַיינְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן דִי 'לְוָיָ' פוּן מַיין בַּאבֶּע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם אִין מִירוֹן. עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּן צְפַת אוּן טְבֶרְיָה קַיין מִירוֹן זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חִיזּוּק פַאר דִי מְלַמְּדִים וָואס מִיר גֶעבְּן יֶעדְן טָאג נָאכְ'ן פָאְרלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, זֵיי זָאגְן אַז דָאס גֶעבְּט זֵיי חִיזּוּק אַרַיין צוּ גֵיין אִין כִּתָּה. וֶועל אִיךְ רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים.

דִי מְלַמְּדִים זָאלְן ווִיסְן אַז צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע אַחְרָיוּת.

### דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִינֶעם מְלַמֵּד'ס הֶענְט

מִיר זִינְגֶען יוֹם הַקּוֹדֶשׁ בַּיים דַאוֶונֶען (פִּיּוּט אַחַר תְּפִלַּת עַרְבִית): **"כִּי הִנֵּה כַּחֹמֶר בְּיַד הַיּוֹצֵר וְכוּ'"**. עֶס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פִּיּוּט, מֶען זָאגְט דָארְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אַזוֹי ווִי דִי לֵיים אִיז אִין דִי הַאנְט פוּנֶעם טֶעפֶּער**, אַז עֶר ווִיל מַאכְט עֶר דֶעם כֵּלִי בְּרֵייט אוּן אַז עֶר ווִיל מַאכְט עֶר דֶעם כֵּלִי שְׁמָאל; **אַזוֹי ווִי דֶער שְׁטֵיין אִיז אִין דִי הַאנְט פוּנֶעם שְׁטֵיין הַאקֶער**, אַז עֶר ווִיל נֶעמְט עֶר עֶס אוּן מַאכְט עֶפֶּעס דֶערְפוּן, אוּן אַז עֶר ווִיל צֶעשְׁטוֹיסְט עֶר עֶס; **אַזוֹי ווִי דֶער אַייזְן אִיז אִין דֶעם שְׁמִיד'ס הַאנְט**, אַז עֶר ווִיל לֵייגְט עֶר אִיר אִין פֵייעֶר אוּן אַז עֶר ווִיל נֶעמְט עֶר אִיר אַרוֹיס פוּן פֵייעֶר; **אַזוֹי ווִי דֶער אַנְקֶער אִיז אִין דֶעם שִׁיפְ'ס קַאפִּיטַאנְ'ס הַאנְט**, אַז עֶר ווִיל הַאלְט עֶר אָן דֶעם שִׁיף אוּן אַז עֶר ווִיל לָאזְט עֶר דֶעם שִׁיף גֵיין אוֹיפְ'ן וַואסֶער; **אַזוֹי ווִי דֶער גְלָאז אִיז אִין דִי הַאנְט פוּנֶעם גְלֶעזֶער**, אַז עֶר ווִיל צִירְקֶעלְט אִיר אוֹיס פַאר אַ כֵּלִי, אוּן אַז עֶר ווִיל צֶעלָאזְט עֶר אִיר; **אַזוֹי ווִי דִי לַיילֶעךְ אִיז אִין דִי הַאנְט פוּנֶעם וֶועבֶּער**, אַז עֶר ווִיל וֶועבְּט עֶר אִיר גְרָאד אוּן אַז עֶר ווִיל וֶועבְּט עֶר אִיר קְרוּם, אוּן **אַזוֹי ווִי אַ שְׁטִיק זִילְבֶּער אִיז אִין דִי הַאנְט פוּנֶעם גָאלְד-שְׁמִיד**, אַז עֶר ווִיל לָאזְט עֶר אִיבֶּער אָפְּפַאל, אוּן אַז עֶר ווִיל לַייטֶערְט עֶר אִיר אוֹיס אִינְגַאנְצְן רֵיין, - **"אַזוֹי זֶענֶען מִיר אִין דַיינֶע הֶענְט, דוּ קֶענְסְט טוּן מִיט אוּנְז וָואס דוּ ווִילְסְט"**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אַ מְלַמֵּד, דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִינֶעם מְלַמֵּד'ס הֶענְט, ווִי אַזוֹי עֶר פָאְרעֶמְט זֵיי אוֹיס - אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין. מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: "**בָּחוּרִים זֶענֶען אַזוֹי ווִי קְלֶעִי**", [אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס: 'חוֹמֶר'], קִינְדֶער נֶעמֶען קְלֶעִי מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין אַ הַאלְטֶער, מֶען דְרוּקְט עֶס אַרָאפּ אוּן עֶס קוּמְט אַרוֹיס שְׁלֶענְג, לָאקְשְׁן, שְׁטֶערְנְ'ס, קִיכְלֶעךְ אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן, דָאס זֶענֶען בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער, ווִי אַזוֹי מֶען פָאְרעֶמְט זֵיי אוֹיס – אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין!

### לֵיימֶענֶע גוֹלֶם'לֶעךְ...

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים; פָאְרעֶמְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ בְּרֶען, זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁטֵיין בַּיים דַאוֶוענֶען ווִי לֵיימֶענֶע גוֹלֶם'לֶעךְ...

אִין חַבַּ"ד אִיז הַיינְט (י"ט כִּסְלֵיו) אַ יוֹם טוֹב, עֶס אִיז 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה לַחֲסִידוּת', מֶען ווִאוּנְטְשְׁט זִיךְ: **"לְשָׁנָה טוֹבָה בְּלִימּוּד הַחֲסִידוּת, וּבְדַרְכֵי הַחֲסִידוּת תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ"**; דַארְף מֶען ווִיסְן, דֶער עִיקַר חֲסִידוּת אִיז טַאקֶע בִּפְנִימִיּוּת, אָבֶּער קוֹדֶם דַארְף מֶען הָאבְּן חִיצוֹנִיּוּת, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ פְּנִימִיּוּת.

## • אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער חִיצוֹנִיּוּת

### קוֹדֶם 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן פז): עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ' – מֶען הָאט מוֹרָא צוּ זִינְדִיגְן כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, מֶען זָאל בַּאקוּמֶען גַן עֵדֶן, נִישְׁט גֵיהִנֹּם, אוּן 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת' – מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, נִישְׁט פוּנֶעם עוֹנֶשׁ וָואס מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען פוּן אִים, זָאגְט דֶער רֶבִּי: מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת' נָאר אַז מֶען הָאט קוֹדֶם 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ', מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ, הֶערְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִרְאַת הָרוֹמְמוּת, מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אַפִילוּ דֶער רֶבִּי וָואס רֶעדְט פוּן אַלֶע הוֹיכֶע קַבָּלָה זַאכְן זָאגְט: מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת', צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְנִימִיּוּת, מֶען דַארְף עֶרְשְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט חִיצוֹנִיּוּת, מִיט 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ'.

### אַ סִידוּר אִיז הֵיילִיג

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער חִיצוֹנִיּוּת. וֶוען אַ סִידוּר פַאלְט אַרָאפּ, אוּן מֶען זֶעט ווִי אַ קִינְד הֵייבְּט עֶס אוֹיף מִיט דִי פִּיס, דַארְף מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי אַז אַ סִידוּר אִיז הֵיילִיג, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן מִיט דִי פִּיס, מֶען דַארְף אַרָאפּ קְרִיכְן אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶס

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## די פערטע נקודה, "פארברענג מיט דיין קינד"

**דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער געוויינט און זיך געבעטן:** טייערע עלטערן! מיר לעבן היינט אין א דור וואס קינדער פאלן אוועק רעכטס און לינקס; געבט אכטונג אויף אייערע קינדער.

## לעבעדיגע יתומים

א אידישע מאמע דארף נישט קיין סמארטפאון! אז דער מאן דארף עס האבן פאר זיין ביזנעס - דארף ער עס פאר זיין ביזנעס, אבער קינדער דארפן א מאמע!

עס איז דא קינדער וואס זענען לעבעדיגע יתומים, זיי האבן נישט קיין מאמע, זיי גייען שלאפן אן דעם וואס די מאמע רעדט צו זיי, זיי שטייען אויף אן דעם וואס די מאמע רעדט צו זיי, ווייל די מאמע איז פארנומען מיט'ן טעלעפאון, עס מוז אפילו נישט זיין מיט שלעכטע זאכן, נאר זי קויפט איין אויפ'ן טעלעפאון, זי שרייבט זיך מיט אירע חבר'טעס. די גאנצע שייכות וואס די קינדער האבן מיט די מאמע איז, אז זי טוט זיי אן שיין – אזוי וועט זי קענען שיקן בילדער פון אירע קינדער פאר אירע חבר'טעס...

## זיי גייען זיך זוכן חברים

די קינדער פילן אז זיי האבן נישט קיין מאמע, ווען די קינדער וועלן אויפוואקסן גייען זיי זיך זוכן חברים וואס זאלן שמועסן מיט זיי, און דער אייבערשטער זאל אפהיטן אויב וועלן זיי טרעפן א שלעכטער חבר, וועלן זיי אינגאנצן אוועק פאלן פון אידישקייט, השם ירחם.

## וועקט אייך אויף!

טייערע מאמע'ס; וועקט אייך אויף! א אידישע מאמע טאר נישט האבן קיין טעלעפאון! לייגט ארויף א טעלעפאון אויפ'ן וואנט, מיט דעם זאלט איר רעדן מיט אייערע חבר'טעס, ניצט נישט א זאך וואס מיט אינגאנצן אוועק דעם מענטש, די סמארטפאון איז אזוי געשמאק, אזוי גרינג, אז דאס נעמט אוועק אייער קאפ פון אייערע טייערע קינדער.

## א באזונדערע קעמערע

עס איז כדאי צו קויפן א באזונדערע קעמערע, ווי איידער צו ניצן דעם טעלעפאון צו כאפן בילדער, אזוי וועלן אייערע קינדער האבן א מאמע.

### דער ראש ישיבה שליט"א האט שיין פארגעזינגען דעם ניגון

אוי געוואלד טאטעס און מאמעס,
ס'ברענט א פייער,
אייער קינד וואס איז טייער,
פאלט נעבעך אראפ זייער.

•••

אוי געוואלד מ'דארף זיך אויפוועקן,
קינדער פאלן אוועק,
מ'זעט נישט ס'זאל נעמען אן עק,
מ'מוז עפעס טון, פאר אונזערע טעכטער און זון.

•••

מיר לעבן יעצט אין שווערע צייטן,
ס'קומט אן אזוי שווער מ'זאל זיך דערהאלטן,
באַרעכנטס ענק זייער גוט,
געבט אכטונג וואס איר טוט,
דאס קינד דארף א ווארימע שטוב,
ווייז אים דו האסט אים ליב,
וועט ער ברענגען נחת און ענק טון צוליב.

•••

פארברענג מיט דיין קינד,
נוץ נישט דיין סעלפאון אצינד.
געב אים אפאר מינוט,
ער וועט עס געדענקען זייער גוט.
בלייב אינדערהיים,
זוך דיך נישט ארויסצוגיין.
אפילו דיין קינד איז נאך קליין,
ווייז אים אז דו טוסט אים פארשטיין.

•••

יעדע מינוט וואס דו געבסט פאר דיין קינד,
וועט דיר ברענגען פירות.
אסאך אידיש נחת,
מיט מצוות און מעלות,
דאס איז דאך מער פון אלעס.

לאזט אייך אפ פון אייער טעלעפאון, איר דארפט נישט איינקויפן, איר דארפט קינדער.

## פון וואס קומען אלע פראבלעמען?

דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן איך האב שוין צען יאר א ישיבה, עס קומט מיר אויס צו רעדן מיט בחורים, זע איך אז אלע פראבלעמען קומען ווען קינדער האבן נישט קיין שטוב! קינדער וואס האבן ווארעמע טאטע מאמע, די מאמע איז דא פאר די קינדער, זי זיצט אויף דער ערד און שפילט מיט זיי, וואקסן אויף געזונטע קינדער.

**דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט:** דאס הארץ וויינט מיר, איך פיל אז איך האב נאכנישט גענוג געזינגען דעם ניגון, און דער ראש ישיבה האט איבער געזינגען א שטיקל פון דעם ניגון מיט הייסע טרערן:

**פארברענג מיט דיין קינד,**
**נוץ נישט דיין סעלפאון אצינד.**
**געב אים אפאר מינוט,**
**ער וועט עס געדענקען זייער גוט.**
**בלייב אינדערהיים,**
**זוך דיך נישט ארויסצוגיין.**
**אפילו דיין קינד איז נאך קליין,**
**ווייז אים אז דו טוסט אים פארשטיין.**

## איך האב נישט צו וועם צו רעדן

איך האב באקומען א בריוו פון א בחור, שרייבט ער מיר אזוי: **"טייערער ראש ישיבה; איך הער די דרשות ווי איר רעדט אזויפיל פון 'כיבוד אב ואם', מען זאל אהיים גיין העלפן אינדערהיים, וואס זאל איך אבער טון אז איך האב נישט צו וועם אהיימצוגיין, מיין טאטע זיצט מיט זיין סמארטפאון און רעדט מיט זיינע חברים, מיין מאמע זיצט מיט איר סמארטפאון און קויפט איין, איך קען נישט אהיים גיין! איך האב נישט צו וועם אהיים צו גיין! איך קום אהיים, איך וויל צו איינעם רעדן, און איך האב נישט צו וועם צו רעדן! וואס זאל איך טון?"**

## אייערע קינדער דארפן א מאמע!

עס איז דא קינדער וואס זייערע עלטערן זענען נעבעך צעטיילט אדער געג'עט, יעדער פארשטייט זייער צער וויפיל די קינדער ליידן פון דעם, אבער די זעלבע צרה איז פאר קינדער וואס וואוינען מיט זייערע עלטערן, אבער זיי זענען נישט דא, די מאמע מוז יעדן טאג גיין צו אירע חבר'טעס און יעדע שטיק צייט צעטיילט מען די קינדער ווייל די מאמע דארף אוועק פארן.

פארוואס זאלט איר כסדר לויפן צו חבר'טעס? פארוואס לויפט איר אלץ ארויס פון שטוב?! אייערע קינדער דארפן א מאמע!

•••

**אינמיטן דעם שיעור האט מען אויפגעשפילט א שפיל, ווי מען הערט ווי אזוי עס קוקט אויס ווען א קינד ווארט אז זיין טאטע זאל אהיים קומען צו אים.**

מען הערט ווי דער טאטע שפילט זיך מיט זיין טעלעפאון צוזאמען מיט זיינע חברים אין א פארק, דער קינד קומט אהיים פון חדר, ער רופט אן זיין טאטע און פרעגט: **"טאטי, ווען קומסטו אהיים?"** דער טאטע ענטפערט: **"טאטי איז זייער פארנומען יעצט, איך קען נישט יעצט רעדן, גיי צו מאמי!"** זאגט דאס קינד: **"אבער מאמי איז אויך נישט אינדערהיים!"** ענטפערט דער טאטע: **"איך בין זייער פארנומען יעצט, איך קען נישט יעצט רעדן"**, און לייגט אראפ דעם טעלעפאון.

דערנאך הערט מען ווי דער ראש ישיבה שליט"א זינגט דעם אויבנדערמאנטן ניגון, דער ראש ישיבה בעט זיך ביי דעם טאטע'ן: **"פארברענג מיט דיין קינד, נוץ נישט דיין סעלפאון אצינד. געב אים אפאר מינוט, ער וועט עס געדענקען זייער גוט. בלייב אינדערהיים, זוך דיך נישט ארויסצוגיין. אפילו דיין קינד איז נאך קליין, ווייז אים אז דו טוסט אים פארשטיין"**, און דער טאטע איז אהיים געקומען צום קינד, דער קינד האט אויפגעשטראלט פון שמחה, ער האט אנגעהויבן צו דערציילן וואס עס איז געווען אין חדר.

## מאמי ווען קומסטו שוין אהיים?

**דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט:** איך בין זיכער אז אלע וואס הערן דעם שפיל האבן טרערן אין די אויגן, אלע וויינען, אבער איין זאך האף איך אז איר זאלט נישט ארויס נעמען פון דעם שפיל נאר צו באשולדיגן אייער מאן, מיר האבן געמאכט דעם שפיל ווי מען הערט א קינד ווארט אויף זיין טאטע וואס איז ערגעץ ווייט אין א פארק מיט זיינע חברים און שפילט זיך מיט'ן טעלעפאון, מען קען נישט מאכן א שפיל פון פרויען, אבער די זעלבע זאך שפילט זיך אפ צווישן קינדער און די מאמע, די מאמע פארברענגט איר צייט מיט איינקויפן אין געשעפטן און זי קומט נישט אהיים און קינדער פרעגן: **"מאמי ווען קומסטו שוין אהיים?"**

**דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט:** דער ניגון דארף מען זינגען א גאנצן טאג, די ווערטער זאלן אריין אין הארץ.

**פארברענג מיט דיין קינד,**
**נוץ נישט דיין סעלפאון אצינד.**
**געב אים אפאר מינוט,**
**ער וועט עס געדענקען זייער גוט.**
**בלייב אינדערהיים,**
**זוך דיך נישט ארויסצוגיין.**
**אפילו דיין קינד איז נאך קליין,**
**ווייז אים אז דו טוסט אים פארשטיין.**

(גענומען פון א חיזוק שיעור, פון מיטוואך פרשת וארא, שנת תשע"ח לפרט קטן)

צו הערן דער ניגון פארגעזינגען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א רופט 'קול ברסלב', דרוקט 1 פאר אידיש, דערנאך 6 פאר ניגונים, דערנאך 2 פאר גראמען, דערנאך 3 פאר גראמען חלק ג, דערנאך 2 פאר דעם ניגון.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וואוּ שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וואוּ שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי פְלֶעגְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְן זֵיי דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי. בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ גוּט צוּגֶעקוּקְט צוּ דִי תְּנוּעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער עֶר דַארְף עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן.

אֵיין מָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעסְט פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים, אָבֶער דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת הָאט זַיין זוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר זַיין זוּן עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען נָאר גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין לֶערְנֶען, נִישְׁט סְתַּם אוֹרְחֵי פוֹרְחֵי, וְוִידֶער אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער; גְרוֹיסֶע קִינְדֶער אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'ע הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ) אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן, וַוייל מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל".

בֶּאֱמֶת אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

אַוַדַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאל זַיין טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב; אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן קִינְדֶער פָאלְגְן. מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי פַארְ'ן פָאלְגְן אוּן מֶען קַנְסְ'ט זֵיי אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיבּ דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט אִים, וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ', אָבֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתַּם זִיךְ אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶעְרִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תפ)

## המשך חִיזוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

• אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער חִיצוֹנִיּוּת

אוֹיפְהֵייבְּן מִיט דִי הֶענְט, אוּן עֶס גֶעבְּן אַ קוּשׁ!

### זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' חוּמָשׁ

אַ מְלַמֵּד דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה', 'אֱמוּנָה', 'אֱמוּנָה'. מֶען קֶען אָנְזֶען אוֹיף אַ מְלַמֵּד אַז עֶר לֵייגְט אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען הֶערְט וִוי דִי קִינְדֶער זָאגְן: **"זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' מִשְׁנָה", "זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' חוּמָשׁ", "זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' רַשִׁ"י"**.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, פְלֶעג אִיךְ הֵייסְן דִי קִינְדֶער אִיבֶּערְזָאגְן פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אוֹיבּ הָאט דֶער קִינְד אָנְגֶעהוֹיבְּן: "**וַיְדַבֵּר ה'**" – הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"נֵיין! הָאסְט נִישְׁט גוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן, מֶען הֵייבְּט אָן: זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ. וַיְדַבֵּר ה'"**, עֶס נֶעמְט צַייט אָנְהֵייבּ יָאר בִּיז דִי קִינְדֶער גֶעווֹאוֹינֶען זִיךְ צוּ דֶערְצוּ.

### זַיי מַסְבִּיר רַשִׁ"י'ס קַשְׁיָא

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זִיצְן בַּיי דִי פַארְהֶער פוּן חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אַפִילוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער פַארְמִיטָאג מְלַמֵּד, אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט גְמָרָא נִישְׁט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דֶער מְנַהֵל הָאט פַארְהֶערְט זֵייעֶר גְרִינְטְלִיךְ דִי לִימוּדִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ פוּן יָאר, הָאט דֶער מְנַהֵל גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגְל: **"הֵייבּ אָן דִי עֶרְשְׁטֶע רַשִׁ"י"**, דֶער אִינְגְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: **"אָמַר רַבִּי יִצְחָק: לֹא הָיָה צָרִיךְ לְהַתְחִיל אֶת הַתּוֹרָה אֶלָּא מֵהַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם** (שְׁמוֹת יב, א)", זָאגְט אִים דֶער מְנַהֵל: **"זַיי מַסְבִּיר רַשִׁ"י'ס קַשְׁיָא"**, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס דֶער אִינְגְל הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס נָאךְ וִוי הַיינְט, אָן קַיין אֱמוּנָה, מִיט אַזַא פְרֶעכְקֵייט, מִן הַסְתָּם וַוייל מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר קַיין אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"רַשִׁ"י פְרֶעגְט, ווֶעמֶען אִינְטֶערֶעסִירְט וֶוער עֶס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט? דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ נָאר דִי הֲלָכוֹת, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְּן דִי חוּמָשׁ מִיט פַּרְשַׁת בֹּא בַּיי דִי הֲלָכוֹת פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ?!"**

אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְדֶעם גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע דְרָשׁוֹת אִין כִּתָּה פוּן אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם שָׁעוֹת שָׁעוֹת, אִיךְ הָאבּ זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דִי קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם וֶועמֶען אִינְטֶערֶעסִירְט וֶוער עֶס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, וָואס הֵייסְט? דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד! דִי קַשְׁיָא אִיז נָאר, עֶנְדֶערְשׁ וָואלְט דִי תּוֹרָה גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְּן מִיט הֲלָכוֹת, אוּן נָאכְדֶעם צוּרִיק קוּמֶען צוּם בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין זֵיי אֱמוּנָה.

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876